שעפטיגען נור אזעלכע לעהרער און אָנגעשטעלטע, וואָס אין זייער פרומקייט איז נישטאָ דער מינדעסטער ספק.

6). די קאָנפערענץ לייגט ארויף א פליכט אויף דער לייטונג פון אגודת ישראל זיך צו באַמיהען צוצושיקען די אידישע כּאַלדאטען כשר׳ע עסען און אויך דברים שבקדושה.

7). ארויסצוגעבען א צייטשריפט, וואָס זאָל מאַכען פּראָפּאַגאַנדע צווישען די פרומע אידען און דער פרומער יוגענד וועגען אָרגאַניזירען זיך, כדי צו באַשיצען אונזערע הייליגטימער און הרמת קרן התורה און יהדות.

8). צו גרינדען און צו אָרגאַניזירען אידישע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, כדי צו פארשטאַרקען אידישקייט אין לאַנד.

9). יעדען טאָג זאָל מען לאחר התפלה זאָגען עטליכע קאַפּיטלאַך תהלים בכל עת המלחמה. און שבת ויום טוב מתפלל זיין בשלומה של מלכות והנשיא און פאר׳ן נצחון איבער אונ־זערע שונאים.

# רעזאָלוציעס וועגען חזוק התורה

פּאַרטיפּענדיג זיך אין דעם טרויעריגען מצב פונ׳ם אידישען פאָלק ישראל, אין דער איצ־טיגער אחריות׳פולער צייט, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס איז א יד ה׳ אונז מעורר זיין צו תשובה ומע״ט. דער עיקר העיקרים איז, וואָס עס פעלט למוד תורה הקדושה ביי דעם אידישען פאָלק, און דאָס עם־הארצות אויף דער אידישער גאס וואַקסט פון טאָג צו טאָג. כדי דאָס מתקן צו זיין באַשליסט די קאָנפערענץ למען חזוק היהדות:

1). עס זאָלען געגרינדעט ווערען וואָס מעהר פּאַראָקיעל־סקולס אין ניו־יאָרק און אין אַלע שטעט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, צו וועקען און רופען אלע עלטערען פון קינדער אין אמעריקא אז זיי זאָלען געבען די קינדער נאָר אין ישיבות, וואו עס ווערט געלערענט על טהרת הקודש, ווייל נאָר דאָרט ווערט געגעבען א פולשטענדיגע אידישע ערציהונג.

2). די עקזיסטירענדע תלמוד־תורה׳ס דארפען זיך פיהרען אינ׳ם אלטען און תמיד נייעם אידישען גייסט, עס זאָל דאָרט געלערענט ווערען אלעס על טהרת הקדוש, נאָר פונ׳ם חומש אין אָריגינאַל, נישט פון קיין אַנדערע לערן־ביכער, און אויך נישט פון אָפּקירצונגען. די לעהרער מוזען זיין שומרי תורה ויראי שמים.

3). עס זאָלען געגרינדעט ווערען שולען פונ׳ם „בית יעקב״ טיפּ פאר מיידלעך, אין גרייטער ניו יאָרק, און אין אלע קאָנטרי־שטעט איבער׳ן גאַנצען לאַנד.

4). עס זאָלען אין יעדער ישיבה און אלע מוסדות החנוך געגרינדעט ווערען קינדער־גאָר־טענס פאר די קינדער, וואָס זיינען נאָך נישט אַלט גענוג צו לערנען אין ישיבה, כדי צוצו־גרייטען דעם נויטיגען עלעמענט פאר למודי קודש אין די ישיבות.

5). די קאָנפערענץ איז איבערצייגט אז די גרעסטע צוציהונגס־קראַפט פאר דעם אידי־שען קינד צו תורה, איז נאָר גמרא, דעריבער וואַרפט די קאָנפערענץ ארויף א חוב קדוש אויף אלע מוסדות התורה אין לאַנד, אַז מיט די קינדער, וואָס זיינען פעהיג צו לערנען גמרא, נישט געקוקט אויף זייער עלטער, זאָל מען לערנען תורה שבעל פה, ווייל די פארטיפונג אין די דאָזיגע למודים, וועט זיי געבען כח און מוט אין לעבען און וועט איינפלאנצען אין זיי אהבת תורה ויראת שמים.

אויך זאָלען געגרינדעט ווערען מוסדות אונטער׳ן נאָמען „אהלי תורה״ פאר די, וואָס קענען בייטאָג נישט באזוכען קיין ישיבות, און אויך פאר עלטערע ארבייטער, וואו מען וועט פאר זיי לערנען געוויסע שעורים, ביי וועלכע מען דארף לייגען דעם הויפּט־געוויכט אויף גמרא מיט רש״י, און עווענטועל אויך תוספות.

6) די קאָנפערענץ אַפּעלירט צו אלע רבנים שליט״א, צו גרינדען ביי זייערע שוהלען חברות